STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00203

UNTERN NUSNBOYM

Malka Lee

Permanent preservation of this book was made possible by
Alfred & Lee Hutt

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה לי / אונטערן נוסנבוים

MALKA LEE

UNTERN NUSNBOIM

מלכה לי

אונטערן נוסנבוים

בילד פון דער דיכטערין — מאַקס ראַבאַי

פאַרלאַג י. ל. פּרץ

תל־אביב, רחוב אלנבי 31

©

נדפס בישראל

Printed in Israel, 1969

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

מלכה לי

אונטערן נוסנבוים

פֿאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישראל

1969

I

ניגון

ניגון, מיין ניגון, איך הער דיך היינט ווידער —
דו ניגונסט אין מיר, ליד פון די לידער.

מיין זיידע האָט דיך אינעם קעלער געזונגען,
מיין טאַטע האָט דיך ביי דעם רבין געשלונגען.

איצט ניגונסטו מיר אין די שטילע פאַרנאַכטן —
דו האָסט מיך געפירט דורך אַ לעבן פון שלאַכטן.

ניגון, מיין ניגון, דורך יאָרן און יאָרן,
איך האָב שוין געמיינט, אַז איך האָב דיך פאַרלאָרן.

איך האָב שוין געמיינט, אַז פון רשעות אַ קרבן —
דו ביסט שוין מיין ניגון, פאַרגאַנגען, געשטאָרבן.

נאָר היינט האָט געוועקט מיך אַ פויגל אַ בלויער —
ער זינגט איצט צו מיר אין דער שטילקייט פון אויער.

דו ביסט, ווי דער קוש פאַר יענער פרינצעסין,
וואָס וועקט זיך — פון שלאָף און פון צייטן פאַרגעסן...

ניגון, מיין ניגון, דו הייבסט מיך אויף ווידער
דו שטראַלסט איצט אַדורך אויף דאָס ניי מיינע לידער.

איך זינג איצט מיט דיר צו די בערג און די שטערן. — — —
שלאָג אָן אין די הימלען, און גאָט זאָל מיך הערן!

אויפן בוים פון מיין לעבן

אויפן בוים פון מיין לעבן הענגט אַ זוניקער צווייג
מיט פּירות צעגרינטע און בונטע.
מיט אַלץ, וואָס נאָר לעבט, מיין ליד איז פאַרצווייגט —
איך שענק זיי די פּירות באַזונטע.

אויפן בוים פון מיין לעבן — דורך טעג און דורך נעכט
איך האָב זיי גענערט מיט מיין אָטעם
די פּירות, זיי זאָלן ניט ווערן פאַרשוועכט,
פון שטורעם און ווינטן פאַרשאָטן.

אויפן בוים פון מיין לעבן צערייפט איז דער צווייג,
זיס-ביטער עס זיינען די קערנער.
מיט אַלץ נאָר וואָס לעבט, מיין ליד איז פאַרצווייגט —
טרעט ניט אויף לידער, ווי דערנער!

דער ליכטבוים

װער האָט געזען אַ בוים
מיט צירונג אָנגעלאָדן,
קעגן זון אין בלויען רוים,
אין ליכטיקייט געבאָדן?

טויזנט צעדער־ליכט
אויפן בוים געשפּיצטע,
זיי פלעמלען אומגעריכט,
װי ליכטלעך אויפגעבליצטע.

אינעם װאַלד ער גרינט
צװישן אַלטע ביימער —
די קרוין פון ליכט ער שפּינט
אין אייביקייט געהיימער.

אַ בוים

פאַראַן אַ בוים אַזאַ אין וואַלד,
דער שענסטער בוים פון אַלע צייטן.
לעבן בוים אַ קוועלכל קוואַלט
און שפּיגלט בוים מיט גרינע פליטן.

אונטער יענעם בוים איך זיץ,
פייגל צו די הימלען שוועבן.
אין זיין קאָרע ליגט פאַרקריצט
דורות פרייד און ערלעך לעבן.

ווען איך וועל שוין מער ניט זיין —
אַן אייניקל וועט דאָרטן זיצן,
און דער בוים פון ליכט און שיין
וועט פון שטורעמס אים באַשיצן.

ס׳איז דער בוים מיט יאָרן זאַט,
דורכגעברענט פון שטורעם־בליצן,
נאָר יעדער צווייג און יעדער בלאַט,
אין אייביקייט אַ ליד וועט קריצן.

פיר מיך צום באַרג

פיר מיך צום באַרג, וואָס שפּאַרט צו די זונען,
פיר מיך צום באַרג, דעם פאַרשטיינטן גיגאַנט.
איך האָב דורך בערג אַ חלום געשפּונען —
פיר מיך צום באַרג אין זוניקן לאַנד.

היינט טראָג איך אַ שלייער פון צער און פון טרויער,
פיר מיך צום באַרג, וואָס לויכט פון דער ווייט.
עפן פאַר מיר דעם באַרגיקן טויער,
דעם באַרג פון בראשית אין פּרוכת פאַרשנייט...

פיר מיך צום באַרג, אַז איך זאָל אים דערגרייכן.
די פאַרמעטן ברעגנען ביים זונען־פאַרגאַנג,
די אותיות פליִען — זיי גיבן אַ צייכן,
און שפּאַלטן דעם באַרג מיט ייִדיש געזאַנג!

שנייען אין ווינטער

דיביימער מיט בלענדיקע נאָדלען
אין שנייִיקער ווייסקייט צעשטראַלט —
ווי רייטער אויף זילבערנע זאָטלען,
זיך וויגן די צווייגן אין וואַלד.

די שנייען אין ריטמישן שוועבן,
זיי בייטשן די רייטער פון ווינטער.
שנייִיקע טיכער זיי וועבן
מיט פּראָסטיקע נאָדלען געשווינדער.

קיינער קאָן זיי ניט דעריאָגן,
די שנייִיקע רייטער פון ווינטער.
אויף זילבערנע פליגל זיי טראָגן
דעם שטראַליקן חלום פון קינדער.

שנייען, ווי זילבערנע רייטער,
זיי פליִען דורך בערג און דורך טאָלן;
אין אַ ווייסער וועלט, אַ פאַרשנייטער —
זיי ווערן פון שטורעם צעמאָלן.

אַ טייך מיט מעוועס

אַ טייך צעפּליטערט מיט גאָלדענע רענדלעך —
זיי פּליטערן אומענדלעך.
זון־לייטערס,
גאָלד־שייטערס —
און אַ טייך מיט מעוועס.
מחנות צוויי,
שוואַרצע, ווייסע פליגל —
און דער טייך אַ שפּיגל.
די מעוועס אין אַ ברוגז־טאַנץ,
צוויי מחנות צעקריגטע,
ווייס און שוואַרץ צעפליגטע,
אויף זון־כוואַליעס צעוויגטע.
פלוצלונג ווערט אין טייך אַ געווימל —
פליגל הייבן זיך צום הימל,
און ס׳נעמען זיך אַרום צוזאַמען
טייך מיט זון —
און ביידע פלאַמען.

דער רעגן־בויגן

ווער האָט פון הימלען צעעפנט די קוואַלן?
אַ שטורעם אַ בייזער פון דאָרט איז געפאַלן.

אַ רעגן און האָגל געהאַקט האָט מיט ריטער,
אַ האָגל און רעגן געשליידערט האָט שפליטער.

איך פאָר אינעם שטורעם דעם מבול אַנטקעגן —
ווי שדימלעך טאַנצן די האָגלען אויף וועגן.

פלוצלונג האָט גאָט מיט אַ פינגער געטייטלט —
אַ זון, ווי אַ ראָד פונעם הימל געקייקלט.

מיט פייער פון שטורעם, מיט וווּנדער אין אויגן —
באַלד וועל איך דערגרייכן דעם רעגן־בויגן.

נעם ניט צו

גאָטעניו, גאָטעניו,
זע דיין וועלט
פול מיט זון,
זע דיין טאָג
פול מיט שיין,
זע דיין נאַכט
פול מיט ווייַן.
גאָטעניו, גאָטעניו,
נעם ניט צו,
נעם ניט צו!

איך גיי דאָ אום,
און נעם אַרום,
קוש דיין גראָז,
האַלדז דיין שטיין.
אַלץ גייט אויף,
וויל נישט פאַרגיין,
אַלץ וואָס לעבט
אין דיר פאַרוועבט —
גאָטעניו, גאָטעניו,
נעם ניט צו!

איך בין דיין ליכט,
איך בין דיין זון,
די גאַנצע וועלט
איך נעם אַרום.

איך בין דיין פלאַם,
איך בין דיין שטויב.
גאָטעניו, גאָטעניו,
אין דיר איך גלויב.
ס׳איז קורץ די שעה —
גאָטעניו, נעם ניט צו!

אַ פֿריש געשניטן פֿעלד

אַ פֿריש געשניטן פֿעלד
שמעקט ווי אַ פֿריש ליד.
אַ פֿויגל פֿליט,
טראָגט אין מויל
אַ ליד
פֿון פֿריש געשניטן היי.

אַ פֿריש געשניטן פֿעלד
טעמט און קוועלט
מיט אַלע פּירות פֿון דער וועלט.
די לופֿט איז שיכור
מיט פֿריש געשניטן היי.

נאָר ווײ —
אַ הירש לויפֿט באַרג־אַראָפּ
און קײַט דאָס פֿרישע היי.
אַלע זאַנגען אויסגעצויגן.
אין די הירשן־אויגן —
ווינטער, פֿראָסט און שניי.

לעיק מאָהאָנק

אויף בערג די פאַרשטיינערטע שיפן,
איך שפּאַן איצט אין זייער געשטיין.
און היילן, ווי גאָלדענע זיפן,
די זון זיפּט דאָרט גאָלדענעם וויין.

שטיינער אין צייטן, באַדעקטע מיט לאַווע —
אַביימל, אין שטיינער פאַרקלעמט,
דאָרט רייסט זיך צום ליכט, ווי אַ פּאַווע,
פון זוניקע שטראַלן פאַרבלענדט.

אַ העלפאַנט דורך יאָרן פאַרשטיינערט —
אין קלאָען דאָס ביימל ער האַלט.
די שטיינערנע ביימער פאַרביינערט —
דאָס ביימל וואָלט געבוירן אַ וואַלד.

די שיפן אויף אָט דער יבשה,
זיי ליגן פאַרשטיינערט פון צייט.
דאָס האָבן אינדיאַנער ירושה
געלאָזט פון דער שטיינערנער ווייט.

ביים זון־פאַרגאַנג

אויף די בלויע בערג כלה־שבת שפּאַנט,
אין ווייסן פליטער־שלייער, אין בלויען ווינטער־לאַנד.
זי נידערט פון די בערג, דורך טרעפּ פון ווינטער־אייז.
אין ווייסע שניי־שיכלעך, קרישטאָליק דימענט־ווייס.
אַ וואַסער־שלייער פּלייצט אַראָפּ מיט קראַפט:
דער ווינטער־באַרג דעקט איין איר כלהשאַפט.

איך שטיי פאַרבלענדט אין שניי און אין פראָסט:
וואַסער־כלות אין שלייער־טענץ צעלאָזט.
איך האָב פון אַטלאַס־שניי זיך אויסגעהעפט אַ קלייד
און איינגעוויקלט זיך אין שניי־שאַלן פון פרייד;
פון פעלדזן־בערג אין ווייסן מאַרמאָר־שטיין
אויסגעשליפן לידער אין געהיים.

שאַוואַנגאַנג־בערג — קרישטאָל־שיפן צעשטראַלט.
אַ מאָל האָבן דאָ אינדיאַנער געשאַלט.
מיט הירשן אויף די פּלייצעס אין געפאַנג,
פויקט דער באַרג אוים זייער האָרן־קלאַנג.
שאַוואַנגאַנג־בערג, פאַרנעמט אויך מיין געזאַנג!
מיין יידיש ליד שאַלט אַריין אין אייער עכאָ־קלאַנג.

מיט פרישע לידער־קראַפט איך שעפּ זיך אָן.
איך הייב זיך אויף פון טרויער צו זון
און פלעכט פון דימענטן אַ קרוין אין מיינע האָר.
איך זינג אוים מיין פרייד פאַר קינדער פון מיין דור —
און ווער אַ טייל פון שטראַליקן געזאַנג
וואָס פּלייצט פון ווינטער־באַרג
ביים זון־פאַרגאַנג.

מיין שטאַם

איך שטאַם אַרויס פון דורות חסידים,
פון חסידים שטראַליקע מיט יום-טוב,
פון יידן וואַרעמע, וואָס שמידן
די מעשׂים טובים פון בעל-שם-טוב.

מיין זיידע פלעגט העלצער האַקן,
פאַר שטיבער אָרעמע — מתנות;
מיין באָבע פלעגט חלות באַקן
פאַר יתומים און אַלמנות.

מיין מאַמע פלעגט ערב-שבת
אין אַ ווייסן פאַרטעך לויפן,
ברענגען קוילעטשן אויף שבת
צו טירן עלנטע אין הויפן.

און שפּעטער — שטיל אַהיים זיך קערן,
בענטשן אירע שבת-ליכטער.
אין יעדן ווינקל פלעגט ליכטיק ווערן
פון קינדיש-פריידיקע געזיכטער.

איך שטאַם אַרויס פון אַלטע שטאַמען
און הייליק זייערע פרומע דרכים;
איך רינגל איין זיך מיט מיין מאַמען
אין דורות יידן מיט בטחון.

אין אַ כישופֿדיקער זומערנאַכט

אברהם ליעסין

איך זע אים נאָך, דעם דיכטער דעם געבענטשטן,
איך זע אים אין דעם גרינעם זומערלאַנד —
אברהם ליעסין, דער שענסטער צווישן מענטשן —
די אויגן פֿינקלען, דאָס קנייטשן־פּנים פֿלאַמט.

ער דערציילט וואָס אים האָט פֿאַר טאָג געטראָפֿן:
ער הערט — אויף זיין גאַניק עמעצער שפּאַנט
און לאָזט אים מער ניט שלאָפֿן —
עמעצער וויל דאָ אומוואַרפֿן די וואַנט.

עמעצער קראַצט די שויבן ווי מיט פֿינגער
און וויל פֿאַר טאָג צו אים אַריין.
אַ פֿערדעלע האָט אויפֿגעוועקט דעם זינגער —
פֿאַר טאָג, ביים מאָרגנשטערן־שיין.

אַ גאַנצע נאַכט געפּאַשעט זיך אויף פּלאַנצן,
און פֿאַר זון־אויפֿגאַנג צעלאָזט זיך אין געוועט;
אויף ליעסינס גאַניק גענומען טאַנצן
און אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער פֿון פּאָעט.

ליעסין איז אַרויס אין מיטן פֿון זיין חלום,
נאָר פֿלוצלונג האָט ער האַרציק זיך צעלאַכט:
אַ פֿערד האָט אָנגעקלאַפּט אים געבן שלום —
אין אַ כישופֿדיקער זומערנאַכט.

אַ ניגון אין וואַלד

איך האָב היינט געהערט אַ ניגון,
פון אַ פידעלע אין וואַלד.
אַ רבי האָט געשפּילט אויף אים,
אין ליכטיקייט צעשטראַלט.

אַ רבי, אַ הייליקער מענטש,
מיט אויגן האַלב פאַרמאַכט,
מיט תפילהדיקן ניגון בענטשט
דעם גאָלדענעם פאַרנאַכט.

באַרג צו באַרג האָט עכאָדיק
דעם ניגון איבערגעשאַלט;
אַ רבי אַ למדוואָוניק
שפּילט אין שטילן וואַלד.

עס האָבן זיך שטיל צוגעהערט
די ציגעלעך פאַרשמאַכט
און חסידים מיט לאַנגע בערד
האָבן אים באַוואַכט.

די צעדערן מיט גרינע הענט
האָבן אים באַקראַנצט
און חסידים מיט אַקסל-הענט
האָבן זיך צעטאַנצט.

אַ ניגון נײַ געבוירן
גייט-אויף אין גרינעם וואַלד;
דער ניגון — דאָס ליכט פון דער תורה —
אויפן רבינס פּנים שטראַלט.

דאָס לעצטע פינטל

דעם פּאָעט אלף כּץ אַ מתּנה

דאָס לעצטע פּינטל, דאָס לעצטע וואָרט —
פּאָעט מיינער, עס האָט נאָך ניט קיין אָרט...

משה רבינו האָט דאָס פּינטל איינגעקריצט
אין פייער-וואָלקן, אין דונער און אין בליץ.

דאָס לעצטע פּינטל, דער לעצטער פּונק
אין מאַמע-לשון פון אונדזער צונג.

און ווען עס פאַלט אַ טרער פון אַ יידישן פּאָעט,
שפּאַלטן זיך די הימלען פון זיין געבעט.

און דאָס פּינטל פון אַ יידיש אות
ווערט איינגעזאַמלט אין דורות-טרערן-כּוס.

די ווײַנענדיקע ווערבע

די ווערבע האָט שוין אויסגעוויינט די אויגן,
דער טייך איז פֿול מיט איר געוויין.
מיט אירע גרינע צעפּ אַראָפּגעבויגן —
געבליבן אינעם טאָל איז זי אַליין.

פֿאַרשטומטע הענגען אויפֿן בוים די לירעס
אַ יעדער צווייַג — פֿאַרגליווערטער געוויין.
און אַלע טעג אין אָבלדיקע ספֿירות —
די ווערבע טרויערט אינעם טאָל אַליין.

איך היט זי, היל זיך אייַן אין אירע צווייַגן,
מיר דאַכט — זי איז אַ גלגול פֿון מייַן זייַן.
די ווערבע שטייט פֿאַרזונקען אין איר שווייַגן —
און ווי אַ שומר היט איך זי געהיים.

אַ ייִדיש ליד דאַרף ליבשאַפֿט פֿון אַ מאַמען,
און ניו־יאָרק ליגט דאָך ניט בײַם טייך פֿון בבֿל.
פֿאַר וואָס זשע וויינען אירע ביימער־שטאַמען,
און יעדער דיכטער זעט דאָרט אוים אַן אָבל?

אונטערן נוסנבוים

אונטערן נוסנבוים פון ייִדיש לשון
זיינען געשטאַנען חסידים אין ברייטע היט.
לובאַוויטש האָט געזונגען ייִדיש לשון,
און גאָט האָט אַלעמען געהיט.

אונטערן נוסנבוים, אונטער בלעטער גרינע,
ווו וועווריקלעך האָבן זיך צעטאַנצט —
האָב איך געשעפּט פון מיין באָבעס תחינה,
און איר אוצר אין מיין ליד פאַרפלאַנצט.

אונטערן נוסנבוים זיינען געשטאַנען
ייִדישע דיכטער אָן אַ צאָל.
אונטערן נוסנבוים זיינען פאַראַנען
די ייִדישע לידער פון אַלע מאָל.

אונטערן נוסבוים אין ליידן, אין פריידן,
האָט ליעסין געשפּונען זיין ליד.
איך הער נאָך איצט, ווי די בלעטער ריידן —
ווי ער וואָלט דעם נוסנבוים געהיט.

אונטערן נוסנבוים איז אַ שטורעם געקומען
און געוואָלט אויסוואָרצלען דעם נוסנבוים.
האָבן שטאַמען־הענט אים אַרומגענומען —
און ווידער שטראַלט זיין בלעטער־קרוין!

II

אַ מאַמע וויינט

אוריאל ווײַנרײַך געהײליקט

ס׳איז פרילינג היינט, די זון זי שיינט,
אין פרילינג־ליכט אַ מאַמע וויינט.

די ערד גייט אויף מיט פרילינג־צוויט,
נעמט צו איר זון — פון איר אַ גליד.

די ערד נעמט צו פון איר איר זון —
פאַר וואָס פאַרשעמט זיך ניט די זון?

די מאַמע שטומט, די מאַמע וויינט.
דעם טאַטנס צער אין באַרג פאַרשטיינט.

ס׳איז פרילינג איצט, די ערד געבערט —
אַ קבר פריש מיט פרילינג־ערד.

מיט פרילינג־טוי זי דעקט אים צו
אין אייביקייט פון ערד און רו.

דער לײדיקער קויש

זי שטײט אין גאַס דאָ יאָר נאָך יאָר.
אַ שאַל דעקט צו די גרויע האָר.
פון װינט צעבײטשט די אַלטע הענט,
מיט שטריק אַרומגעגורט די לענד.

אויטאָס יאָגן מיט גערויש.
זי טײלט די בײגל פון איר קויש.
איר טאָרבע קלינגט מיט קופּערגעלט —
אַ בײגלראָד — די גאַנצע װעלט.

זי זעט ניט מער, נאָר הענט און הענט.
דאָס ליכט פון טאָג איז אָפּגעפרעמדט.
איר גוף געפּעלצט אין שװערער װאָג.
אין רויש פאַרגײט דאָס ליכט פון טאָג.

איר פּנים פלאַמט, װי רויטער צװיק.
די לענד פאַרבונדן מיט אַ שטריק.
װינטער — פראָסט, און זומער — שװײס,
און אירע בײגל זײנען הײס.

אַזוי פיל יאָרן דאָ געװען —
איצט װעט זי קײנער מער ניט זען.
לײדיק שטײט דער בײגלקויש,
געבליבן איז דער רעדערדויש.

אין שפּיטאָל

בעטן לעבן בעטן —
שוואַרץ און ווײַס פֿאַרברידערט;
מענטשלעכע סקעלעטן,
צער און פּײַן פֿאַרגלידערט.

בעטן, ריי נאָך רייען,
יעדער מענטש אַ שאַרבן;
קולות און געשרייען —
קיינער וויל ניט שטאַרבן.

דאָרטן שטייט אַ גלח,
זאָגט די לעצטע תּפֿילה;
דער קרבן זעט אַ מלאך,
און בעט אים שטיל מחילה.

עס ליגט אַ ביינער-בינטל
ניט ענלעך צו אַ מענטשן.
מיט לעצטן אויגן-פֿינטל
זי בעט, ער זאָל זי בענטשן.

דאָרטן ליגט אַ קנויל-מענטש,
וואָס קען זיך מער ניט רירן.
אין ווינקל ליגט אַ גרויל-מענטש —
אַלע אבֿרים פֿרירן.

אַ מיידל ליגט אין וויגל —
זי איז ניט אויסגעוואַקסן;
אין האַנט זי האַלט אַ שפּיגל,
אַ שאַל אויף אירע אַקסל.

דאָרטן ליגט אַ פּנים:
קויל מיט ערד פֿאַרקנאָטן.
אויגן שטומע מאָנען —
פֿון מענטש געוואָרן שאָטן.

בעטן לעבן בעטן —
איך שאַר זיך אום פֿאַרלוירן.
מענטשלעכע סקעלעטן
צווישן טויבע אויערן...

אלמנות

זיי ליגן אויף געלעגערס מיט אָפּגעטויטע גופים,
זיי וויינען אויף די קישנס דורך די לאַנגע נעכט.
זיי טראָגן ווי צדיקות אַלע שטראָפן,
צו עלנטקייט און איינזאַמקייט פאַרקנעכט.

זיי לעבן מיט די אָפּגעהאַקטע יאָרן
פון פרייַלעכקייט און זינגענדיקע טעג.
זיי זעען איצט בית־עולמדיקע קברים
און פילן זיך פאַרשטויסן און פאַרמעקט.

געווען זיי זיינען קיניגנס געזאַלבטע —
דער מאַן האָט זי געטראָגן אויף די הענט —
איצט זיינען זיי צעבראָכענע, צעהאַלבטע
און פילן זיך פאַרלוירן און פאַרשעמט.

אַ מענטש

אַ מענטש, אַ צעריסענער אין טויזנטער שטיקער,
מיט יענעם, מיט זיך, מיט אַלע זיינע גלידער.

אַ מענטש, געבונדן צו דורות מיט פעדעם,
אַ מענטש, וואָס בלוטיקט פאַרן אמת אין לעבן.

אַ מענטש, אַ זינדיקער, אין פיין געהייליקט,
אַ מענטש, אַ הייליקער — מיט זיך געפּייניקט.

אַ מענטש, וואָס ציט זיך אַרויף צו די הויכן,
און באַלד ווי אַ שטיין, צו דעם אָפּגרונט נעמט טויכן.

אַ מענטש, וואָס קאָן דורך זיך וועלטן געבערן,
און אין איין מינוט זיין ווערק צעשטערן.

אַ מענטש, וואָס יאָגט דורך פינצטערניש צו זונען,
און ווערט פאַרבלענדט, ווען ער האָט זיי געפונען.

אַ מענטש, וואָס קאָן מיט זיך ניט מאַכן שלום,
און גייט דורך טויזנט טויטן אין זיין חלום.

אַ מענטש, צעקריגט מיט זיך ווי מיט שׂונאים,
און לאַכט אָפּ אין שפּיגל פון זיין אייגן פּנים.

אַ מענטש — געראַנגל און געקריץ פון ציינער,
אַ מענטש — געוועין, און אָט — אַ בינטל ביינער.

אַ מענטש, וואָס ברענט אין אַש פון זיינע פלאַמען —
דאָס ביסט דו, און איך, און אַלע צוזאַמען...

דאָס חופּה־קלייד

זי געדענקט די חופּה־נאַכט אין וואַלד.
זי — אין אַ פּאַרטיזאַנען־קלייד,
מיט מלחמה־ווּנדן אויף איר לייב.
דער וואַלד — באַצירט מיט קרישטאָל און פראָסט.
האָט זי די מיידל־צעפּ צעלאָזט
און געוואָרן זיין ווייב —
אין פּאַרטיזאַנען־קלייד.

דער ברענענדיקער וואַלד איז קיין מאָל ניט פאַרשוואונדן.
דורך וואָגלעניש און געפאַרן
האָבן זיי דערגרייכט אַמעריקע —
דאָס לאַנד פון שטיין און גבורה.
ביי די גאָלדענע טויערן
האָט זי אַ טאָכטער געבוירן.

היינט נייט זי פאַר איר טאָכטער
אַ חופּה־קלייד
פון טיול און ווייסן זייד.
אַזוי פיל פרייד!
פּלוצלונג בליצט אויף
דאָס פּאַרטיזאַנען־קלייד —
און זי וועבט די טרערן איין
אין איר טאָכטערס חופּה־קלייד.

ספרים פאַרלאָזטע

ספרים מיט אַש-צעברענטע בלעטער,
אותיות מיט ייִדישע טרערן —
איך ברענג אייך צו דורות שפּעטער,
איר זאָלט פאַרגעסן ניט ווערן.

ווי מיין באָבע אויף לשון-קודש
האָט גערעדט צו אייך דורך תפילות,
איך ברענג אייך צום אָרון-קודש —
ספרים און צעריסענע מגילות.

אין פּרוכתן אַזוי ווי אין קליידער —
איך ברענג אייך צוריק צווישן ייִדן
און טו זיך אַ שטילן נדר —
מיט אייך מיין לעבן צו פאַרשמידן.

ספרים, געראַטעוועטע פון אַש און פלאַמען —
די אותיות קאָן קיין פלאַם נישט פאַרצערן.
די אייביקייט שמידט זיי צוזאַמען
מיט ייִדיש בלוט און מיט דורות טרערן.

פאַר וואָס?

פאַר וואָס האָט מען געשלעפּט זי אַרויס פון איר הויז,
מיט צוואַנג זי געבראַכט אין דעם ליאַלקע־הויז?

פאַר וואָס האָט מען געזאַלבט זי — אַ ליאַלקע פון שאַנד,
געבראַנדיקט אַ נומער אויף איר מיידלשער האַנט,

און שפּעטער פאַרשפּאַרט זי אין אַ חיהשער שטייג,
מיט דייטשע דאָקטוירים און מערדער־געצייג?

פאַר וואָס האָט מען פאַרשוועכט אַ מענטשלעך באַשאַף,
פאַרזייט אין איר טראַכט אַ חיה, אַן אַף?

אַ יידישע טאָכטער, וואָס שטאַמט פון מיין שטאָט,
געבראַנדיקט מען האָט זי צו שאַנד און צו שפּאָט.

פאַר וואָס האָט מען איר מיידלשן חלום פאַרלענדט?
זי וואָלט דאָך געטראָגן פון צניעות אַ העמד;

זי וואָלט דאָך געוואָרן אַ מאַמע אין פרייד,
מיט ריינקייט געשפּונען די גאָלדענע קייט.

איצט וואַנדערט זי אום — אַ ליאַלקע פון זינד,
זי וועט שוין ניט קיין מאָל געבערן קיין קינד.

אין פלאַמען פון בושה זי ברענט און זי ברענט —
איר טראַכט איז געוואָרן אויף אייביק פאַרשעמט.

געשפּענסט

מיר װעלן אַלע שטאַרבן צוזאַמען —
װײַל מיר קאָנען ניט לעבן צוזאַמען,
װײַל דער טאָג איז אַזוי בלוי,
װײַל די נאַכט איז אַזוי שװאַרץ,
װײַל די זון איז לויטער גאָלד,
און דער שניי — אַזוי װײַס,
װײַל דאָס פּעלד — אַזוי גרין,
און דער מענטש — אַזוי שײן —
װעלן מיר אַלע צוזאַמען פאַרגײן.

מיר װעלן אַלע שטאַרבן צוזאַמען —
דאָס קינד אין בויך פון דער מאַמען.
דער אַטאָם, װאָס שװעבט און טריפט,
טרינקט דעם רעגן אָן מיט גיפט,
אַז יעדער בוים זאָל װערן גרוי.
ער סמט דעם פרילינג און דעם טוי.
דער אַטאָם־אַש באַדעקט די ערד —
אויף אײביק גאָטס באַשאַף צעשטערט.

מיר װעלן אַלע שטאַרבן צוזאַמען —
װײַל מיר קאָנען ניט לעבן צוזאַמען,
אַז אַ בוים זאָל גרינען אין זײַן פּראַכט,
געזאַנג זאָל שאַלן דורך דער נאַכט,

זון זאָל שירמען מיט שטראַלן
טייכן זאָלן שלאָגן מיט קוואַלן,
דער מענטש זאָל זען מיט אויגן
די שפּיל פון רעגן-בויגן...

מיר וועלן אַלע שטאַרבן צוזאַמען —
ווייל מיר קאָנען ניט לעבן צוזאַמען.

דער יידישער פּאָעט

פאַר יעקב גלאַטשטיין — אַ מתנה

הינטער קעמלען בערג, ביים זון־פאַרגאַנג,
אַ הויז — אַ נעסט פון אייביקן געזאַנג.
איבערן דאַך דער הימל איז בלוי,
שויבן צעפינקלט מיט זון און מיט טוי.

פענצטער ליכטיקע ביים זון־פאַרגאַנג.
עס קוואַלט פון דאָרט מיט שירה, מיט געזאַנג.
דאָרט וווינט אַ דיכטער — גרוי זיינע האָר —
דער גייסטיקער שומר פון יידישן דור.

אין שטראַליקן זומער, צווישן הימל און ערד,
מיט חלום פון יידיש זיין וואָרט איז באַשווערט.
ער שמידט אוים דאָס לשון פון צער און פון פרייד —
זיין נאָמען קריצט איין זיך אין אייביקייט.

איידע מאַזע

האָסט יעדן פון אונדז מיט דיין ליבשאַפט געטרייסט,
געהייליקט דעם גאָרטן פון לידער,
איצט ליגסטו — פון צער און פון וויי אויסגעלייזט —
דו קלאָגערין אויף שוועסטער און ברידער.

האָסט יעדן פון אונדז געטראָגן אַ קרוג,
דיין ליבשאַפט געפלאָסן איז איבער.
ווי באַלזאַם דיין וואָרט און וואָגיק און קלוג —
די מעשׂים אין ראַמען פון לידער.

און פונקט ווי די באָבעס, האָסטו זיך געשלעפט
צו שוועלן פון אָרעמע ברידער;
דו האָסט פון דער זון פאַר זיי שטראַלן געוועבט
אין קאָרענעם ברויט פון די לידער.

די פֿאַרשעמטע מנורה

די מנורה, וואָס האָט אַזוי פֿריידיק געברענט
מיט חנוכּה-ליכט — ווער האָט זי פֿאַרשעמט?
די בעכערס פֿון מעש מיט ליכטלעך אין שײַן —
ווער האָט זי געשליידערט פֿון דער ייִדישער היים?

ווער האָט דאָס איר יחוס פֿון דורות פֿאַרוויסט,
פֿון אַ ייִדישער שטוב זי געוואָרפֿן אין מיסט?
ווי אַ יאָלקע נאָך ווייַנאַכט מען וואַרפֿט זי אַרויס —
מען דאַרף זי ניט מער, געפֿרייט זיך — און אויס — — —

די פֿאַרשעמטע מנורה פֿון אַש דורכגעברענט,
איך נעם ווי אַ קינד, אין די מאַמישע הענט;
איך שטעל זי אַוועק אויבן-אָן אין מײַן שראַנק
און הייליק זי ווידער מיט ליכט פֿון געזאַנג.

ערב שבת

איך וועל גיין דיר אַנטקעגן, מיין ליבער.
וועסט קומען, וועסט קומען צו גיין.
איך די וועגן פוןביימער-געציטער —
ערב שבת, אַהיים.

איך וועל גיין דיך באַגעגענען, מיין ליבער,
צווישן צעדערביימער אַליין.
איך וועל דיר טראָגן אַנטקעגן, מיין גיבור,
צוויי שעפלעך מיט טרערן-געוויין.

וועסט זאָגן צו מיר, מיין ליבער:
גיס אוים די שעפלעך די צוויי,
פיל זיי אָן מיט אוצרות לידער
און דימענט מיך איין אין זיי...

איך וועל גיין דיר אַנטקעגן, מיין ליבער,
איידער די זון וועט פאַרגיין.
גאָט וועט זיין מיין היטער. — — — —
דו וועסט מער ניט קומען אַהיים.

שבת־ליכט

איך האָב אָנגעצונדן ליכט.
דער שבת-טייך האָט זיך צעצונדן.
גאָט! עס ברענען מיינע ווּנדן!

איך האָב אָנגעצונדן ליכט,
און שטילע טראָפּנס טרערן
האָבן אָנגעצונדן אַלע שטערן.

איך האָב אָנגעצונדן ליכט.
גאָט! פֿאַר וואָס האָסטו זיך אָפּגעקערט
און מיין תפילה — ניט דערהערט!

האַלט איין דיין דונער

גאָט, האַלט איין דיין דונער
איבער מיין דאַך!
איך בין גענוג געשטראָפט —
איך נעסטיק זיך אין דיין זומער
פון צער און צאָרן אויסגעפּרוּווט...

גאָט! מיינע טרערן אויסגעטרונקען
אין שטיל געוויין;
גאָט, זיי מיט מיר, לאָז מיך ניט אַליין.
דיינע רעגן שפּיזן,
טאַנצן אויף מיין דאַך.
זיי בייטשן מיך —
איך בין וואַך.

האָסט מיך פאַר אַ דיכטערין געזאַלבט.
פאַר וואָס האָסטו אין רייפקייט פון מיין לעבן
מיך צעהאַלבט?
און דו בייטשסט איצט מיין געביין,
און אין די לאָגלען רעגן
פליסט מיין געוויין...

אין דיין גן־עדן

לזכרון אהרנען

אין אַלץ ביסטו דאָ, מיין מאַן:
אין אַלע ביימער בליט דיין חלום,
וווּ איך גיי, און וווּ איך שפּאַן —
ביימער־הענט מיר גיבן שלום.

אין שײַן פון טאָג, אין יעדער שעה,
איך זוך די הענט פון דיין גבורה.
אַלץ וויינט אין מיר: ניטאָ, ניטאָ —
מצבות סטאַרטשען צווישן קברים.

דער זומער שטאַרבט, דער האַרבסט איז גרייט
דעם זומערשניט אויך צו פאַרשניידן.
דיין חלום ליגט אין אַלץ פאַרזייט. — — — —
איך נעסטיק זיך אין דיין גן־עדן.

מאַמע זון

זי קומט, אַן אויסגעבאָדענע פון ים,
זי שוועבט אַ שטראַליקע דורך פייער־פלאַם,
זי נעמט מיט וואַרעמקייט די וועלט אַרום,
וואַרפט־אָפּ די וואָלקנס — די מאַמע זון.

זי קומט, אַ שפּייזערין צו דער ערד,
אַלץ וואָס לעבט, ווערט פון איר דערנערט,
מיט איר מאַמע־מילך זי זייגט זיי אָן,
אַלץ גייט אויף — פון דער מאַמע זון.

זי קומט פון חושך — אויך צו מיר...
טאָכטער מיינע, ווײ איז מיר פאַר דיר!
אַזוי איז גאָטס באַשאַף — פון אייביק אָן —
די טרערן קושט מיר אוים די מאַמע זון.

צוויי טויבן

צוויי טויבן ווייסע, ליכטיקע,
שוועבן פֿאַר מיין פֿענצטער.
צוויי טויבן קלאָרע, ציכטיקע —
אַוועק, אַוועק מיין שענסטער.

צוויי טויבן שטילע, ברומיקע —
לעבט זיך אויס די יאָרן;
צוויי טויבן ליכטיק־שטומיקע —
צעשיידט זיך ניט אין פּאָרן.

צוויי טויבן ווייסע, שטראַליקע,
אַוועק, אַוועקגעפֿלויגן,
און איך, מיט טרערן קוואַליקע,
וויין זיך אויס די אויגן...

דער נייער וועג

דער האָלצפּיקער האָט אויסגעפּיקט מיין נאַכט,
די שעהען זיינען ליידיקער געוואָרן;
אַלע אברים האָבן אין מיר אויפגעוואַכט —
איך בין נאָך אַלץ אַ פרוי און ניט קיין דאָרן.

די קראָען האָבן זיך געדרייט אַרום מיין בוים,
מיין האַרץ האָט שטיל געוויינט נאָך איינעם.
פלוצלונג האָט אויפגעפלאַמט דער רוים —
מיט רויטע שטראַלן די שויבן מיינע וויינען.

און אַלץ געזונגען האָט צו גאָטס באַשאַף,
זיך אויסגעמישט מיט מיינע רייד צו מענטשן;
ווי אין בראשית געשטאַנען כ׳בין פאַרגאַפט —
דעם נייעם טאָג איך האָב גענומען בענטשן.

ווי שיר המעלות האָבן בלעטער מיך געהיט,
יעדער בוים האָט מיך אַרומגענומען,
און איך בין צוגעפאַלן צו מיין ליד,
ווי אַ דאָרשטיקער פאַלט-צו צום ברונעם...

III

דער מאַמעס שטול

זי האָט געהאַט אין איר הויז אַ שטול
אויבן אָן —
דער מאַמעס שטול.
זי האָט קינדער געוויגט,
געהעקלט און געשטריקט,
מיט יחוס-שטול —
דער מאַמעס שטול —
האָט יעדער זיך געקוויקט.

איצט איז זי אין מושב-זקנים.
אַלע זיצן דאָ אין איינעם,
אונטער איין דאַך,
אויף שטולן אַ סך.

היינט האָט זי געמאַכט אַ געוואַלט.
ווי מירעלע אפרת — איר געשטאַלט.
און עס האָט געהילכט איר קול:
גיט מיר אָפּ מיין שטול!
איך האָב אַלץ אַוועקגעגעבן.
זאָל דער מאַמעס שטול
מיך צוהאַלטן צום לעבן,
ווי אַ מאָל, ווי אַ מאָל —
גיט מיר אָפּ מיין שטול!

אין מושב־זקנים

זי איז אַריין צום יום־טוב־טיש —
עס איז היינט איר געבוירן־טאָג.
זי האָט געטראָגן אַ לאַנג שוואַרץ קלייד.
די פליטערלעך האָבן נאָך געפליטערט —
פונעם פאַרשלאָפענעם קופערט
אויפגעציטערט.
אַ שטרוי־היטעלע,
פון אַ זומער לאַנג שוין פאַרגאַנגען,
די בראַסלעטן און אוירינגלעך
מיט הייזעריקע קלאַנגען.
איר האַלדז האָט אַרומגענומען
אַ פוקס פון אַ מאָל —
זי האָט געפילט די וואַרעמקייט
פון וואַלד.
זי איז אַלט.
אַ מאָל האָט זי געשפילט טעאַטער.
אירע ראָלן זיינען איינגעפּאַקט.
היינט, צום יום־טוב,
שפילט זי אויס
איר לעצטן אַקט.

אַלטע מאַמעס

די אַלטע מאַמעס האָבן אייך געזויגן —
דער מאַמעס מילך געווען איז וואָרעם-זיס.
די אַלטע מאַמעס האָבן אייך דערצויגן,
געשטעלט אייך, זין און טעכטער, אויף די פיס.

די אַלטע מאַמעס, קליין און איינגעבויגן,
זיי טוליען זיך איצט צו אַ פרעמדער האַנט;
מיט מילדקייט און מיט גוטסקייט אין די אויגן
זיי זיינען מאַריך-ימים דאָ אין לאַנד.

אין רייכער היים ניטאָ פאַר זיי קיין ווינקל,
אין שטובן שפּילט מען קאָרטן יעדע נאַכט.
אין מושב-זקנים פעלט זיי ניט קיין שפּרינקל —
פון טויזנט אויגן ווערן זיי באַוואַכט.

מען קומט די אַלטע מאַמעס וויזיטירן
מיט דימענטענע רינגען און מיט שמינק.
די רייכע טעכטער זיך אין פוטערס צירן
אין שיינע סעיבל-מאַנטלען און אין מינק.

די טרייע טעכטער ברענגען זיי מתנות —
אַ קאַפּטל און אַ שאַליקל פון וואָל,
און גייען נעבעך אוים פון גרוים רחמנות
צו אַלטע מאַמעס — אויף אַ פאַלשן קול.

די אַלטע מאַמעס זיינען איצט דאָך זקנות,
און זקנות דאַרפן מער שוין ניט קיין פרייד;
אַלטע מאַמעס זיינען גרויע שיימעס —
מיר לעבן איצט דאָך אין אַ נייער צייט.

דעם טאַטנס טיש

געוועזן אַ בוים אַ מאָל אין צעדערוואַלד,
געבליט מיט ביימער שטאַמיקע צוזאַמען.
פייגל האָבן אויף זיין קרוין געשאַלט,
הונדערט זומערן געשטראַלט צוזאַמען.

פון דעמבנבוים געוואָרן איז אַ טיש,
משפחות זיינען אַרום טיש געזעסן —
מיט שבת־לייכטער און מיט שבת־פיש.
האָט מען יאָרן אַרום טיש געגעסן.

היינט האָט מען דעם משפחה־טיש
אַרויסגעשטעלט אין גאַס פאַרקויפן.
פאַר שבת־לייכטער און שבת־פיש —
אויפן דעמבן־טיש שיכורים זויפן.

און פאַר דעם טיש פון שבת־ליכט,
אַ יורש האָט געמאָנט זיין חלק —
פאַרשוועכט דעם טאַטנס דעמבן־טיש,
וואָס ער האָט לאַנג געהאַלטן הייליק.

מיין שטעטעלע מאָנאַסטרישטש

דער דיכטערין רחל קאָרן אַ מתנה

אָ, נעם מיך ביים האַנט, און פיר מיך צוריק
צום שליאַך פון מיין היים, צו דער אייזערנער בריק,
צו דער ווערבע, וואָס ווײנט ביי דעם טייך אַזוי שטיל,
צום וואַסער־ראָד, וואָס דרייט דאָרט די מיל.

צום טונקעלן וואַלד, צו די ביימער פון בעז,
צום קינדישן חלום — דעם ליכטיקן נס. — — —
מיין מאַמע דאָרט שפּאַנט מיט צוויי שעפלעך מילך,
די פּאַרע נאָך שלאָגט פון געמאָלקענער מילך.

און אָט לויפט אַ קעלבל פון שטאַל ווילד אַרויס,
די שעפלעך מילך גיסן זיך אויס,
די גענדז אויפן הויף הייבן אויף אַ געוואַלט —
עס הילכט אָפּ דער עכאָ אין היימישן וואַלד.

דאָס טייכעלע קוועלט, מיין שטעטעלע לאַכט.
צווישן הינער און גענדז ברעכט אויס אַ שלאַכט.
די מאַמע טרייבט מיט איר שירץ זיי צוריק.
דער טייך שפּיגלט אָפּ די גענדז אונטער בריק.

מיין היים איז פאַרשניטן, מיין שטאָט טראָגט דעם שנייט.
נישטאָ אין מיין שטאָט מער קיין איינציקער ייִד.
בלויז אין מיין חלום מיין שטעטעלע לעבט —
פון דאָרטן מיר האָבן די לידער געשעפּט.

ייִדן מײַנע

ייִדן מײַנע, ייִדן, מיט יאַרמולקעס און קיטלען,
ייִדן מײַנע שטראַליקע, אין די ברייטע היטלען,
אין טליתים אײַנגעהילט, מיט סידורים אין די הענט,
די אויגן ייִדישע צו גאָט געווענדט.

ייִדן מײַנע, ייִדן פֿון אַמאָל.
אויבן אָן זיצט דער חזן אויף אַ שטול.
מנורות לײַכטן אין דער שול
אין אייער דאַווענען — מײַן זיידנס קול.

דורות תּפֿילות זינגען אין מײַן בלוט.
ייִדן מײַנע, ייִדן, מיט אײַך איז מיר גוט,
ייִדן מײַנע, ייִדן, איר זײַט מיר ליב און טײַער —
מיט אײַך האָב איך געברענט אין גירוש-פֿײַער.

שבתדיקע מיידעלעך

שבתדיקע מיידעלעך,
מיט שוואַרצע בלאָנדע לאָקן;
שבתדיקע מיידעלעך,
אין ווייסע לאַנגע זאָקן.

צניעותדיקע מיידעלעך —
לעבן שול זיי שטייען,
מיט שטראַלנדיקע אייגעלעך,
מיט יִדישע קמיעות.

עלקעלעך און אסתרלעך —
ערב שבת־קודש —
אויסגעפוצטע שוועסטערלעך
ווי דער אָרון־קודש.

שבתדיקע מיידעלעך —
די שענסטע איידלשטיינער;
שבתדיקע מיידעלעך —
אַ געזונט אין אייערע ביינער!

מיין מאַמעס יאַסיקל

פּעדערן געגנדזענע פון קלאָר־ווייסן פוך
האָסט אָנגעשטאָפּט אין יאַסיקל, מיין מאַמע.
דו ביסט ניטאָ — נאָר איך געדענק דיין שפּרוך:
— דאָס יאַסיקל נעם מיט איבער ימען.

דיין יאַסיקל האָב איך מיטגענומען דאָ אין לאַנד,
דיין מתנה אין נחת און אין פריידן,
און עס אויסגעגלעט מיט מיין האַנט —
מיט דיין יאַסיקל כ׳וועל קיין מאָל זיך ניט שיידן.

דורך לאַנגע נעכט, ווען איך שלאָף ניט איין —
דיין יאַסיקל איך לייג צוקאָפּנס.
מאַמע מיינע, וויפל טרערן פון געוויין
פאַרלוירן האָב איך דאָרט אין טראָפּנס.

מיר דאַכט זיך: איך פיל נאָך אַצינד דיינע הענט,
אין נאַכט דו רופסט נאָך מיין נאָמען,
און איך, מיטן פוכענעם יאַסיקל פאַרקלעמט —
ווי מיט דיר אַרומגענומען...

דער באָבעס קיכעלעך

איך קען אַ מיידעלע מיטן נאָמען דאָבעלע,
האָט זי אַ באָבע — די בעסטע באָבעלע.

אַלע יום־טוב טוט זי אָן די נייע שיכעלעך
און גייט צו דער באָבע עסן קיכעלעך.

קאָכט די באָבע טיי אין איר זילבער־טשייניקל,
דערלאַנגט די באָבע קיכעלעך איר אייניקל.

דער באָבעס קיכעלעך: ברוין מיט זערנעס קימל.
איר אייניקל פילט דעם טעם, ווי מן פון הימל.

די באָבע קוועלט: ניטאָ אַזאַ אייניקל ביי קיינעם.
זי גייט אין שול, און קאָן שוין יידיש לייענען.

זי זינגט אַ ליד פון רויטע פּאָמעראַנצן —
די באָבע מיטן אייניקל נעמען ביידע טאַנצן.

דער רעגן־טאַנץ

רעגן־פּיסעלעך, רעגן־ניסעלעך —
טאַנצט אַ טאַנץ אויף גראָז און פעלד.
פינקלען ניסעלעך, האָפּקען פּיסעלעך,
פּייקלען לידער צו דער וועלט!

רעגן־פליטערלעך, רעגן־שפּליטערלעך,
קייקלט, פּייקלט, זינגט און קוועלט!
ריזלט ריזעלעך, רעגן־שפּיזעלעך,
האָפּקעט פריילעך צו דער וועלט!

רעגן־פּיסעלעך, רעגן־ניסעלעך,
קלינגלט, צינגלט, קלונג נאָך קלונג!
רעגן־פּיסעלעך, וואַסער־שיסעלעך,
גיט דער הייסער ערד אַ טרונק!

רעגן־פליטערלעך, וואַסער־שפּליטערלעך,
ערגעץ איז די זון אַרויס.
וואַסער־ריטערלעך, ציטער־ציטערלעך
האָפּקעט, האָפּקעט, טאַנצט זיך אויס!

דער קינדערשער אָרקעסטער

שטייען דריי ברידערלעך מיט גרויסע ווײנשל-אויגן,
מיט פידעלעך און צימבעלעך, שטייען אויסגעצויגן.

— ווי רופט מען דיך, ייִנגעלע מיט די שוואַרצע קרויזן?
מיט בלויען העמדעלע אין די לאַנגע הויזן?

— מיין נאָמען איז אברהם — נאָך מיין עלטער-עלטער-זיידן,
וואָס האָט געפירט יצחקן אַ מאָל צו דער עקידה.

— און דו, דו קליינער שטיפּערל, ווי איז דיין נאָמען?
מיין טאַטע רופט מיך: „פּעסעלע”, נאָר איך הייס בנימין.

איך פּייקל אויף אַ פּייקעלע, וועק אויף אַלע טויבן,
מיין ניגון וועקט די זון — עס ציטערן די שויבן.

דער דריטער ענטפערט שעמעוודיק: — גלייב מיר, בנאמנות —
איך האָב אַ פידעלע מיט כישוף-סטרונעס.

איך מאַך מיט מיינע לידעלעך אַלע ביימער וויגן.
מיין מאַמע זאָגט: איך כישוף אוים אַ ניגון...

אויף אַ שטול אין מיטן וואַלד שטייט די ייִנגסטע שוועסטער:
צפורה איז דער דיריגענט פון קינדישן אָרקעסטער.

פייגל-כאָרן אינעם וואַלד זינגען אויך צוזאַמען,
און אַ ניגון שוועבט צו גאָט: אני מאמין!

די בלויע הוידלקע

העננגט אַ בלויע הוידלקע,
וויגט זי אום דער ווינט.
בענקט די בלויע הוידלקע
צו וויגן דאָ אַ קינד.

העננגט די בלויע הוידלקע
צווישן ווערבעס צווײ,
בענקט די בלויע הוידלקע
נאָך קינדישן געשריי.

העננגט די בלויע הוידלקע,
וויל ניט זיין פֿאַרשעמט,
בענקט די בלויע הוידלקע
נאָך קינדישע צווײ הענט.

אַ מאַמע היט די הוידלקע,
קוקט צו איר און גאַרט.
ווי די בלויע הוידלקע —
אויף אַ קינד זי וואַרט...

אַ הויז

אַ הויז איז פון ציגל, אַ הויז איז פון שטיין.
וואָס איז, מיין קינד, אַ ליכטיקע היים?

אַ הויז איז פון שטאָל — אַ שטאָלענער גליד,
מויער מיט מויער צוזאַמענגעגלידט.

אַ הויז איז פון זאַמד, פון צעמענט און גראַניט,
אַ הויז איז אַ דור — צו דורות געשמידט.

אַ הויז איז פון פענצטער, אַ הויז איז פון ווענט,
אַ הויז איז פון שויבן אין שטראַלן פאַרבלענדט.

אַ הויז איז אַ פענצער פאַר רעגן און שטורעם,
אַ הויז איז אַ פאַקל, אַ ליכטיקער טורעם.

אַ הויז איז פון טרעפּן, געשלענגלט אין גאַנג,
אַ הויז איז דאָס קול פון אַ קינדער־געזאַנג.

אַ הויז איז פאַר שכנים צו הויזן בײנאַנד
און שמידן די גאָלדענע קייט אינעם לאַנד.

נאָר שענער פון אַלץ אינעם הויז איז דער מענטש —
דורך ליכטיקע מעשׂים דאָס הויז איז געבענטשט.

IV

אַזוי איז באַשערט

ווייש אָפּ דעם טרויער פון די ליפּן,
טרינק אויס דעם ווייטיק פון מיין מויל.
איך בין באַשאַף פון דיינע ריפּן —
פון אָדמס ריפּ — פאַרשלים דעם גרויל.

נעם-צו דעם טרויער פון די אויגן,
פאַרוויש די שאָטנס פון די נעכט.
זע, עס שטראַלט אַ רעגן-בויגן —
איך האָב דעם טרויער ניט פאַרשוועכט.

פאַרהייל די ווּנדן מיט דיין ליבשאַפט,
טייל-אָפּ דעם טרויער פון דער ערד,
ריים-אָפּ דעם שלייער פון מיין טריבשאַפט —
גאָט, אַזוי איז דאָך באַשערט!

פֿאַראַן אַ טאָג

פֿאַראַן אַ טאָג פֿאַר יעדן מענטש —
נעם אַרום דעם טאָג און בענטש.

די ליבשאַפֿט שטאַרבט ניט אין דיין גוף,
דער פֿרילינג שטראַלט — די ליבשאַפֿט רופֿט.

קומט דער פֿרילינג אויף דער וועלט,
ווערט די ליבשאַפֿט אויך צעהעלט.

אַ פֿויגל זוכט זיין פּאָר אין רוים,
אַ בלאַט זיך בלעטערט אויף אַ בוים.

אַ גראָז זיך צווילינגט אין דער ערד,
אַ מענטש אַ צווייטן נאָך באַגערט.

מענטש מיט מענטש ווערט צוגעקניפּט —
דער טרויער טוט זיך אָן אין צוויט.

און פֿון בראשית, פֿון באַשאַף —
די ליבשאַפֿט איז אַ תּקיעת־כּף.

היינט איז שבת

היינט איז שבת,
היינט איז שבת.
קום צו מיר, באַשערטער.
וואַרף אַוועק דאָס שטומע קעסטל
פון איינגעפּרעסטע ווערטער —
קום צו מיר, באַגערטער.

דאָרט אין קעסטל וווינען
איינגעשטומטע קלאַנגען.
איך בין שיר השירים
פון אייביקע געזאַנגען.

היינט איז שבת,
היינט איז שבת.
דער טיש — מיט שבת-ליכט,
אין די פלעמלעך — דיין געזיכט,
אַרויסגעראַטעוועט פון מיידאַנעק —
מיר זיינען ביידע שטאַמיק.

דאָס שטומע קעסטל פאַרפּרעסט די ווערטער.
איך בין לעבן —
קום צו מיר, באַגערטער!

אַ גוטע וואָך!

הײַנט האָב איך געהערט דײַן שטים,
קלאָר אַזוי און ריין.
אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך,
ווו דו זאָלסט ניט זײַן!

אויף די כוואַליעס פֿון דער לופֿט,
אין שטילקייט קלינגט דײַן קול.
אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך —
ענטפֿערט באַרג און טאָל.

עס האָט אַ הירשעלע פֿאַרטראַכט
זיך אָפּגעשטעלט אין לויף:
אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך —
און יאָגט זיך באַרג-אַרויף!

עס האָט אַ וועווריקל דערהערט
אין גרינעם טאָל פֿון מאָך:
אַ וועווריקל איז אויך באַשערט
אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך!

לבנה האָט געשמייכלט שטיל
אויף דער פּולער וואָך.
געענטפֿערט האָט דער ווײַפֿערוויל:
אַ גוטע וואָך! אַ גוטע וואָך!

עס האָבן שטערן אויפֿגעבליצט
אויף דער פולער וואָך,
און ווי אין לוחות אויסגעקריצט:
אַ גוטע וואָך! אַ גוטע וואָך!

דאָס אלמנה־קלייד

דאָס אַלמנה־קלייד הענגט נאָך אין איר שראַנק,
די טרערן — איינגעפרוירענע אין פאַלדן.
אַנטקעגן לויכט דאָס חופּה־קלייד,
שטראַלט מיט פרייד.
ער איז אין רייפן עלטער צו איר געקומען,
דאָס אַלמנה־קלייד פון איר לייב צוגענומען.

דאָס חופּה־קלייד, ווי אַ טלית שטראַלט:
גאָט, זאָלסט זיי ניט צעשיידן!
מיט פייגל־כאָרן זינגט דער וואַלד
אוןביימער טאַנצן פאַר זיי ביידן.
דאָס חופּה־קלייד שטראַלט מיט פרייד,
אין שראַנק — וויינט דאָס אַלמנה־קלייד.

אונדזער זומער הייבט זיך אָן

זומער קופּערט אויף דיביימער,
בלעטער רויט, ווי רויטע מאָן.
דו געטרייער, ביסט מיין שומר —
אונדזער זומער הייבט זיך אָן.

אינעם האַרבסט דער זומער נעסטיקט,
אין קופּער־פאַרבן אָנגעטאָן;
דיין האַנט אין מיינער איינגעפעסטיקט —
אונדזער זומער הייבט זיך אָן.

אונדזער זומער, רייף מיט יאָרן,
אינעם האַרבסט פון גאָלד־מאַרון,
אונדזער זומער ניי־געבאָרן —
אונדזער זומער הייבט זיך אָן.

דער גערשטן צייטיקט אויף די פעלדער

אין אַלע צעדער זינגען מיינע יאָרן,
אין אַלע ביימער, אין אַ פרילינג קלאָרן,
אין צימערינג־זאַפטן און אין בעז דעם בלויען —
איך בין איצט דאָס געזאַנג פון אַלע פרויען.

דער גערשטן צייטיקט אויף די פעלדער,
די פייגל זינגען אין די וועלדער,
די גראָזן שמעקן, ווי מיט בשׂמים —
מאָרגן וועסטו צו מיר קומען.

די זון — אַ פויק איז מיט געזאַנגען,
אויף פעלדער צייטיקן די זאַנגען,
ווי שטאַרקע היטן מיך די ביימער —
גאָט, זיי מיין שומר!

שבת־שירה

שבת־שירה איז ערשט געווען —
מיט פרייד פון פייגל־לידער.
עס איז אַ נס אויך היינט געשען —
איך בין אַ פויגל פול מיט לידער.

פון לינדן ווינט צעגייט דער שניי,
די לופט איז פול מיט פרילינג.
האַנט אין האַנט מיט דיר איך גיי,
מיט געזאַנג פאַרצווייליגט.

ביימער שוואַרץ און אויסגעטאָן,
נאָר פייגל זינגען שירה,
און ציִען זיך צו ליכט און זון,
ווי נאָך שבת־שירה.

שבת־שירה איז אַלע מאָל,
דורך וואָלקנס און געוויטער.
דורך אַלע פייגל זינגט מיין קול —
און מיין געזאַנג — אין אַלע לידער!

זאָל יעדער טאָג אַ יום־טוב זיין

טייערער מיינער, באַשערטער מיין,
זאָל יעדער טאָג אַ יום־טוב זיין!

אַ שטיקל ברויט, אַ לאָגל וויין —
זאָל יעדער טאָג אַ יום־טוב זיין!

אַ פֿינטל זון, אַ טראָפּן שיין —
זאָל יעדער טאָג אַ יום־טוב זיין!

אַ שטערן לייכט — אַ דימענט ריין —
זאָל יעדער טאָג אַ יום־טוב זיין!

אַ בעכער פֿרייד, אַ בעכער פּיין —
נאָר געזונט זאָלסטו מיר זיין!

דאָס לעבן קורץ — עס וועט פֿאַרגיין —
זאָל יעדער טאָג אַ יום־טוב זיין!

V

מאַמע־ציון

איך בין געפלויגן צו דיר, מאַמע־ציון.
מיט די בערג דו שטייסט אַרומגענומען.
דיינע האָר — פון כאַמסין־ווינט פאַרברענטע,
דיינע פּים— צווישן חורבות פאַרקלעמטע,
דיינע הענט צו די הויכן געהויבן —
טרינקסטו פון אייביקייט דיין גלויבן.

איך בין געפלויגן צו דיר, מאַמע־ציון.
ווי אַ טאָכטער פאַלט צו צו איר מאַמען,
בין איך צוגעפאַלן צו דיינע שטאַמען.
אָ, מאַמע ציון, אין מיין קינדיש וויגל
האָסטו פאַרוויגט מיך דורך מיין מאַמעס ניגון —
אויך מיינע טרערן גיסן זיך צוזאַמען.

איך בין געפלויגן צו דיר, מאַמע ציון.
איך בין דאָ געווען נאָך פאַרצייטן.
מיט דיינע שעפעלעך און פאַסטעך־פלייטן
געחלומט האָב איך פון דער ווייטן.
אָ, מאַמע ציון, עפן דיינע טויערן —
דיין טאָכטער איז דיר ניי געבוירן!

דער ברענענדער דאָרן

פון אייביק צו אייביק ער ברענט,
און קאָן אַלץ פאַרלאָשן ניט ווערן.
אין פינצטער איך האָב אים דערקענט,
דורך נאַכט מיט צעלויכטענע שטערן.

אין חושך איך האָב אים דערזען,
דורך אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן;
אַזוי איז עס אייביק געווען —
ר'וועט קיין מאָל פאַרלאָשן ניט ווערן.

צו משהן ער האָט זיך אַנטפּלעקט,
ווען ער האָט געפּאַשעט די רינדער.
אַ שטים האָט דורך פייער געוועקט —
געוועקט די פאַרוואָגלטע קינדער.

ווען שׂונא באַרויבט און צעפּלינדט
און גיסט אויף מיין פאָלק אויס זיין צאָרן —
אין מדבר פון צייטן זיך צינדט
דער אייביקער ברענענדער דאָרן.

דער דאָרן: צוויי פלאַמיקע הענט,
צעפינגערט מיט פייער און פלאַמען,
דער אייביקער דאָרן ער ברענט —
אַ זעונג דורך פינצטערע ימען.

דורך חושך זאָל אויפגיין אַ ליכט —
האָט משה אין סיני געשוואָרן —
דער דאָרן פון גרויסן געריכט,
דורך גזירות פון טויזנטער יאָרן.

אויפן פעלד אַ קוגל זאַמד

אויפן פעלד אַ קוגל זאַמד,
אָפּגעקקאָכט פון זונען.
און דערביי אַן אייזל שפּאַנט —
ער האָט אַ קוואַל געפונען.

און דער קוגל זאַמד — ער זידט,
קיינער וויל פאַרזוכן.
זע, עס גראָבט אַן עקשן־ייד,
אוצרות נעמט ער זוכן...

און דער קוגל זאַמד פאַרשווינדט,
פון שטיין נעמט וואַסער טאַנצן.
קינדער לויפן אָן געשווינד,
נעמעןביימלעך פלאַנצן.

און אַ נס געשעט אין זאַמד,
אַ וואַלד נעמט דאָרטן וואַקסן.
קינדער טאַנצן האַנט אין האַנט
הינטער רעגן־שלאַקסן.

אויפן הר הכרמל

אויפן הר-הכרמל — אויב נישט נאָך העכער, —
ווי אַ כלה ציט די ליפּן צום קידוש-בעכער,
מיטן שבת-פּרינץ שטיי איך דאָ דערהויבן,
און שטראַל מיט ליכט און גלויבן.

איך זע ביימער צווישן גרינע סעדער,
ווי די בענטש-ליכט לייכטן זייערע צעדער,
מיט שטילע תּפילות צינדן זיך מנורות —
איך הער געזאַנג פון אַלע דורות.

מיט שבת-קודש לייכטן-אויף די שויבן,
עס קומען אָן יונגע שיינע מוידן,
מיט פאַרברוינטע הענט ציונס טעכטער טאַנצן,
מיט טאַצן פולע גאָלדענע מאַראַנצן.

זייערע מאַמעס האָבן פאַרפלאַנצט די קערנער
צווישן ווילדע קרייטער, צווישן דערנער.
פון יענע ערשטע ביימלעך, פון יענע ערשטע פלאַנצן,
טאַנצן ציונס טעכטער מיט גאָלדענע מאַראַנצן.

קינדער פריידיקע מיט וויין און טייטלען,
באָבעס אַלטינקע מיט פרומע שייטלען —
און איך בענטש די שבת-ליכטער
אין די שטיבער מיט ייִדישע געזיכטער.

דער ייִדישער פישער

דער טייך האָט מיט שיפלעך געזאָטן,
די פישער — מיט נעצן און שטריק.
נאָר דאָרטן דער ברעג איז פאַרבאָטן —
די פיש מוזן שווימען צוריק.

דער כנרת איז בלוי ווי אַ שפּיגל,
דער פישער די נעצן פאַרציט.
דאָס שיפל זיך וויגט ווי אַ וויגל,
דער שׂונא די ביקס האָט געצילט.

די קויל האָט געטראָפן דעם פישער,
געלעכערט די ייִדישע האַנט.
געשלאָגן אַ קוואַל האָט אַ פרישער —
און רויט האָט דער טייך זיך צעפלאַמט.

דער פיש אין דעם טייך איז געשווומען
געצויגן די נעץ אין זיין מויל.
דער פישער געבליבן איז שטומען,
געטויט פון אַראַבישער קויל...

שאַגאַלס צוועלף פענצטער

צוועלף פענצטער — צוועלף שבטים אין פאַרביקן בלענד —
צוועלף רעגן-בויגנס אין שויבן פאַרקלעמט.

אַ פענצטער, געשמאָלצן פון פלאַם און בורשטין:
ראובן, דער עלטסטער פון יעקבס צוועלף זין.

אַ פענצטער פון צאָרן — אַ שפּאַרבער אַ קנעכט —
וואָס האָט דאָס געלעגער פון פאָטער פאַרשוועכט.

אַ פענצטער — צוויי זיילן פון גאָטס צען געבאָט:
אין זיילן פאַרקריצט איז דער פעסטער יסוד.

אַ פענצטער — יהודה, אַ לייב אויף דער וואַך —
און איבער אים ליכטיקט גאָטס הימלישער דאַך.

אַ פענצטער — אַ שיפל, אַ צווייגל אין שטורעם,
אַ פליגל, אַ פויגל, אַ לייטער, אַ טורעם.

אַ פענצטער — פון פייער און וואַסער געשפּאַנט,
אַן אייזל פאַרעקשנט זיך, קלאַמערט צום ראַנד.

אַ פענצטער — אַ וואָגשאָל, גאָט וועגט דאָס גערעכט,
אַ האָרן־שלאַנג האָט דאָס געוויסן פאַרקנעכט.

אַ פענצטער — אַ קריגל דורך אויג פון אַ מענטש
אָשרן גאָט האָט אין קריגל געבענטשט.

אַ פֿענצטער — אַ פֿאַסטעך בײַם קוואַל, ווי אַן אײנד,
יוסף אין העמדל, געשלאָגן פֿון ווינט.

אַ פֿענצטער — אַ הירש אין געשוועב איבער בערג,
וואָס שפּיגלט באַשאַף פֿון גאָטס אײביקן ווערק —

בנימין דער ייִנגסטער פֿון יעקב און רחל. — — —
שאַגאַלס צוועלף פֿענצטער מיט ליכט און נצחון.

בית־שלום־עליכם

טייערע שיינע־שיינדל אין שטאָט תל־אביב,
איך שרייב פון דער ווייט דיר אַ יִדישן בריוו.

איך וויל דיר אַ סוד אַ שטילן פאַרטרויען:
מיר וועלן צוזאַמען אַ שלום־עליכם־הויז בויען.

אויף דער הייליקער ערד מיט די אָבות בייננאַנד:
אַ בית־שלום־עליכם אין יִדישן לאַנד.

די מנחם־מענדלס פון דער פאַרחרובטער היים —
פון ווייטן קאַסרילעווקע וועלן קומען צו גיין.

צום בית־שלום־עליכם מיט פרייד און געלעכטער
וועלן קומען צו שפּאַנען טביהס טעכטער.

עס וועלן זיך ציִען אין מדבר קאַראַוואַנען
אויף קעמלען און איזלען, אויף פורן און באַנען.

אויבן אָן — שלום־עליכם, דער יִדישער שרייבער,
מיט גאַנץ קאַסרילעווקע אין אייגענעם חדר.

אויף צעדערטישן די ביכער אין איינעם,
און ליכטיקע אויגן די ביכער באַשיינען.

יִדיש, העברעיִש — צוזאַמענגעברידערט,
ביכער מיט ביכער צוזאַמענגעגלידערט.

די שטאָט תל־אביב מיט מילכווייסע שטיבער
וועט שמייכלען צום בית־שלום־עליכם אַריבער.

איך בעט צו גאָט, איך זאָל אויך דערלעבן,
אין בית־שלום־עליכם שלום דיר געבן!

ניו־יאָרק, 1962

דער יחוס־באַנד

דבורה ראָטבאָרד אַ מתנה

האָט היינט צעשטראַלט זיך אויף מיין האַנט
אַ חן * פון חן: אַ יחוס־באַנד.

ניט פון דימענט און בריליאַנט
לויכט דער חן פון יחוס־באַנד.

חן פון שבטים צוועלף פאַרקריצט
אין דורות־גאַנג מיין פאָלק באַשיצט.

ישׂראלס טאָכטער אין הייליקן לאַנד
צירט דעם חן פון יחוס־באַנד.

חן דורך מדבר, חן דורך וואַלד,
מיט געזאַנג דורך בערג צעשאַלט.

חן פון גבורה, חן פון מוט,
חן וואָס שטראַלט אין זייער בלוט.

חן פון צער — און חן פון פיין —
דורך פרעמדן גלות אַ ייִד צו זיין.

געבענטשט איז אָט דער יחוס־באַנד,
וואָס צירט די קרוין פון הייליק לאַנד.

---

* חן — אַן אויסצייכענונג פאַר פאַרקויפן ישׂראל־באָנדס.
ח״ן — באַדייט אויך חיל־נשים; אַזוי רופט מען פאַרקירצט דאָס פרויען־מיליטער אין צה״ל.

הערצל־וואַלד

דיין חלום גרינט, דיין חלום בליט —
פאַטער הערצל, דו זעסט עס ניט.

פון חורבן־לאַנד, פון היטלערס שניט,
אויף ציונס ערד — דיין חלום בליט.

פון וואַנדער־שטעקן אַ בוים צעבליט,
אין מדבר זאַמד — פלאַנצט אַ ייִד.

דער קלומיק בויכט ניט אויף זיין האָרב —
ער קלייבט די אויבסטן אין זיין קאָרב.

פון יעדן ברעג, פון יעדן ראַנד,
ער קומט אין צוגעזאָגטן לאַנד.

אַריבער בערג שוועבט דיין געשטאַלט,
דיין חלום בליט — אין הערצל־וואַלד.

דיין חלום גרינט, דיין חלום בליט —
פאַטער הערצל — דו זעסט עס ניט.

יום העצמאות

גאָט, גיב מיר אַ ליד,
אַזוי ריין ווי אַ פּרוכת
מיט גאָלד געשטיקטע אותיות
אויף אַ ספר תורה.
אדוני אחד,
עס איז יום העצמאות!

גאָט, גיב מיר אַ ליד,
אַזוי זויבער ווי אַ חופּה־קלייד
צעשטראַלט אין כלה־פריידן —
איך זאָל עס ברענגען ווי אַ דרשה־געשאַנק;
אַ ליד פון לויטער געזאַנג.
אדוני אחד,
עס איז יום העצמאות!

גאָט, גיב מיר אַ ליד,
אַזוי לויטער, ווי די זון,
פון דיין הבטחה אויסגעמאָלט,
פאַר אַלע טרערן אָפּגעצאָלט.
אדוני אחד,
עס איז יום העצמאות!

גאָט, פאַרנעם מיין תפילה,
פאַרשליס ציונס טרויער־מגילה,
בענטש ישראלס טאָכטער מיט ברכות —
די אויסדערוויילטע
צווישן פעלקער־משפחות.
אדוני אחד,
עס איז יום העצמאות!

דער בוים

לזכרון ליפע לערער

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט, אין אַ ייִדישן לאַנד,
גרינט אַ ביימעלע קליין צווישן בערגלעך זאַמד.

ברענט די זון יעדן טאָג אין הייסן אילת
און הענגט־אויף אויפן בוים אַ גרינינקן בלאַט.

זי ציט עס פון זאַמד ביי די גרינינקע האָר:
אַן ערשטלינג דו ביסט פון אַ בוימערשן דור.

געווען איז אברהם אָבינום אַ טרוים
אין מדבר אילת — זאָל גרינען אַ בוים.

און דיר איז באַשערט געווען, ביימעלע קליין,
צו גרינען אין מדבר, אין אַ ייִדישער היים.

דאָס ביימעלע דין, דאָס ביימעלע שטום —
עס בלעטערט זיך יעדן פאַרטאָג צו דער זון.

ערגעץ ווייט, אין אילת, אַ נס האָט פּאַסירט:
מיט זאַפטיקע טייטלען דאָס ביימל באַצירט.

אין שאָטן פון בוים, אין אַ הייסן פאַרנאַכט,
האָט אַ קינד איבער דיר אַ ברכה געמאַכט...

גיטעלע פֿאָרט קיין ישראל

גיטעלע, גיטעלע, גרייט זיך אין וועג —
זי חלומט דורך נעכט, און זי חלומט דורך טעג.

זי שפּינט פֿון דער זון אַ גאָלדענעם באַנד —
זי פֿאָרט קיין ישׂראל, אין ייִדישן לאַנד.

זי קויפֿט זיך אַ קלייד פֿון אמתן זייד —
איר פּנים צעשטראַלט איז מיט קינדישער פֿרייד.

גיטעלע שוועבט, און גיטעלע שפּאַנט —
זי צייכנט די טריט אין דעם זוניקן זאַמד.

אַ לעבן געהאָפֿט, אַ לעבן געוואַרט —
גיטעלע חלומט, און גיטעלע גאַרט.

גיטעלע לויפֿט, און גיטעלע פּלאַנט
זי זאָל ניט פֿאַרזאַמען דאָס הייליקע לאַנד.

קלעפּ

זי האָט אויפֿגעוועקט דעם פֿרימאָרגן.
דער צעדערבוים האָט זיך געבויגן —
זי האָט געקלאַפּט דעם טעפּעך אויפֿן גאַניק,
די לופֿט אין פּאַניק!
אַ פֿרוי אַ געזונטע, קיין עין־הרע,
די האַנט, ווי ברוינע קאָרע,
אויפֿן גאַניק, ווי אויף אַ שיף —
זי האָט אויפֿגעוועקט תּל־אָבֿיבֿ.

די קעץ האָבן צו איר אַרויפֿגעקוקט,
אַ קינדס געוויין האָט זיך געקלאָגט,
מיט די טעפּעך־שטויבן —
אַוועקגעיאָגט פֿון פֿענצטער — טויבן.
אַלע כּעסן פֿון איר לעבן —
אין די קלעפּ אַריינגעגעבן
און אויפֿגעוועקט דעם זון־אויפֿגאַנג
אין תּל־אָבֿיבֿ מיט איר געזאַנג.

שָׁמַיִם

סימען דזשייקאָבסאָן אַ מתנה

זינג, יינגעלע, זינג:
הימלען אָפענע, הערט זיך צו:
אַ יינגעלע דאַוונט אין פעלד —
שמים!
פייגל בלויע זינגט מיט אים,
צעטראָגט זיין קינדיש קול —
שמים!
ביימער וואַלדיקע, דאַוונט מיט אים,
צעוויגט דאָס געזאַנג —
שמים!
אַ יידיש יינגעלע
דאַוונט אין פעלד,
זינגט און רופט:
שמים!
און אַלע פייגל ענטפערן אים:
שמים!
שמים!

זינג, מיין פאָלק

זינג, מיין פאָלק, אַרויס פון דיינע טיפן,
מכביער, שאַלט אויס אויף דאָס ניי.
זינג, מיין פאָלק, דורך גלותדיקע שיפן,
זינג, מיין פאָלק: — עם ישׂראל חי!

זינג, מיין פאָלק, מיט פאַנען אויפגעהויבן,
בוי, מיין פאָלק, מיט גבורה אויף דאָס ניי.
זינג, מיין פאָלק, מיט מכביער גלויבן,
דו, מיין פאָלק, ביסט עם ישׂראל חי!

זינג, מיין פאָלק, דערהייב זיך איבער שטיינער,
קדושים שפּאַנען מיט אייך אין דער ריי.
יחזקאלס קול איצט שאַלט אין טאָל פון ביינער:
מכביער — עם ישׂראל חי!

אַ מענטש אין געפּאַר

איך קאָן ניט װײנען.
דער הימל רעגנט מײַנע טרערן:
אַ מענטש אין געפּאַר!
אַ קינד פון ישׂראל
האָט מיר געשאָנקען אַ פײפעלע,
אַ פײפעלע צו גאָט.
האָב איך מיט װײנענדיקע ליפּן
אַ פײַף געטאָן:
גאָט!
ראַטעװע אים!
אַ מענטש אין געפּאַר!

מאַמעס פון ישׂראל

מאַמעס פון ישׂראל, וועמעס זין זיינען געפאַלן,
אייערע כשרע טרערן: ישׂראלס קוואַלן.

איך נעם אַרום אייך, קוש אייך אויס די טרערן,
אייערע זין וועלן אַהיים זיך ניט אומקערן.

פאַרן קיום פון ישׂראל זיינען זיי געשטאָרבן
פאַר דורות לעבן — געבראַכט אַ קרבן.

איבער ירושלים הענגען מאַמעס טרערן,
קיין שׂונא וועט די וואַנט מער ניט צעשטערן.

פאָלק ישׂראל וועט די גבורים אַרבן,
מזכיר נשמות זיין, זיי וועלן קיין מאָל שטאַרבן.

די מוטער רחל וועט זיי היטן לעבן איר קבר,
יעדער גיבור — אַ גליד פון איר אבר.

גבורים ייִדישע אין די רייען ליגן
מאַמעס, אין אייער צער — מיין טרויער-ניגון.

דעצעמבער, 1967

אַ שמעטערלינג

ריקודה פּאַטאַש אין אָנדענק

זי האָט געשיקט מיר אַ בראָש פון בצלאל-שול
אַ שמעטערלינג מיט זילבערנע פליגל —
ריקודה — די פּרינצעסין פון אַמאָל,
וואָס שפּאַנט ביים ירדן מיט אַ ליימען קריגל.

איך האָב אים געטראָגן אויף מיין קלייד —
דעם שמעטערלינג געשיקט פון איר האַנט.
ער האָט מיך דערמאָנט אין דער פרייד —
דער שמעטערלינג פון הייליקן לאַנד.

ניטאָ מער ריקודה — אַ ווייל געוויילט,
האָט דאָ איר ליכטיקע געשטאַלט:
אַ פליגל האָט זיך אָפּגעטיילט,
דעם שמעטערלינג צעהאַלבט.

נאָר אין פרילינג, אין חודש מאַי,
האָב איך דעם שמעטערלינג ווידער אָנגעטאָן.
מיט צוויי זילבערנע פליגל פון ס'ניי —
דער שמעטערלינג פליט צו דער זון!

צו מיין פֿאָלק

איך זיץ דאָ צווישן ווענט פֿון שטאָל און פֿון ציגל.
מיין חלום טראָגט זיך אויפֿן ווינט פֿון פֿליגל,
מיין הלום פֿליט דורך ימען, אָקעאַנען
צו די גרינע סעדער, צו די גרינע לאַנען,
צו די נייע קינדער, אין וואָגלעניש געבוירן,
צו די נגב־קבוצות, ווו די שׂונאים לויערן.
די פֿאַרברוינטע אָרעמס, וואָס זייען דאָרט ווידער —
ביין פֿון מיין געביין — דאָס זיינען מיינע ברידער,
זיי הייבן אָן אויף ס'ניי דאָרט ווייטער צו שמידן
די קייט פֿון די שטאָלצע און פֿרייע יידן.

אין יעדן טראָפּן טוי אויף אַ צווייג פֿאַרבאָרגן,
האָט מיין פֿאָלק באַהעלט אַ נייעם מאָרגן.
פֿאַר יעדן פֿאָדעם זון פֿון הייסע שטראַלן,
פֿאַר יעדן טראָפּן שייַן — אַ ברודער איז געפֿאַלן.
פֿאַר יעדן גרינעם קנאָספּ, פֿאַר יעדן צווייט פֿון בליטן,
אַ שוועסטערס לעבן איז געוואָרן פֿאַרשניטן.
פֿאַר יעדער זאַנג פֿון גאָלד, פֿאַר יעדער נעסט פֿון זאָמען,
האָט מיין פֿאָלק באַצאָלט מיט זעקס מיליאָנען.
דורך שייטער־הויפֿנס, דורך גרוילן און פֿלאַמען
מיט דיר כ'בין פֿאַרגלידערט — ווי אַ קינד מיט דער מאַמען.

דער באָקסערבוים

אויף בערג די הויכע לעבן גליל,
אַ ייִדישער פּאַסטעך שפּילט אויף אַ חליל.

עס וועקן די בערג זיך פון אייביקן שלאָף,
עס מעקען אַרום אים די ייִדישע שאָף.

און אויבן — אַ בוים מיט באָקסער צעגרינט,
אַ מאָל האָט רבי שמעון אַ חלום געשפּינט;

אַ מאָל האָט רבי שמעון ביי דער הייל דאָ פאַרזייט
קערנער פון באָקסער מיט האָפן און פרייד.

ווען רוים האָט איר פייל אין יהודה געצילט,
האָט רבי שמעון אין שווייגן פון באַרג זיך געהילט.

קיין שפּייז פאַרן גומען, קיין וואַסער אַ טרונק,
קיין טראָפּן צו לעשן די דאָרשטיקע צונג.

בלויז ערגעץ אין פעלדז אַ קוואַל האָט געזשומט —
די פינצטערע הייל האָט פאַרבאָרגן געשטומט.

די קערנער זיך האָבן געצויגן צו זון,
דער באָקסערבוים האָט זיך אין גרינס אָנגעטאָן.

פון פעלדזיקן שטיין איצט אַ וואַסערל קוואַלט —
אַ בוים מיט מזוזהס — מיט באָקסערס צעשטראַלט.

אַ ברוינע די שאָלעכטס, נאָר זים איז דער טעם —
ער טראָגט אין די קערנער דעם יחוס פון שטאַם.

עס האָט דאָ רבי שמעון אַ מאָל אים פאַרזייט
פאַר דורות און דורות דעם באָקסער פאַרגרייט...

בלויער ים כנרת

בלויער ים כנרת — זינג היינט אױם אַ ניגון:
אַכצן גרינע װערבעס ביי דיין טייך זיך וויגן.

אַכצן בלויע לירעס, פון דודס האַנט אַנטשוויגן,
אויף די בערג פון ציון שפּילן אױם אַ ניגון.

אַכצן גרינע װערבעס, פון בבל דאָ פאַרפלאַנצטע
קינדער מיט די לירעס שמחהדיק צעטאַנצטע.

הייבט זיך אויף דער ניגון איבער ערד און ימען
און וועקט-אויף דעם קבר פון רחל — אונדזער מאַמען.

אַכצן בלויע לירעס שפּילן מיט הבטחה,
און די מאַמע רחל שיקט זיי איצט איר ברכה.

אונדזער מאַמע רחל, מיט אויסגעוויינטע אויגן.
אינעם לאַנד ישׂראל שטראַלט אַ רעגן-בויגן.

גאָט האָט צוגעזאָגט ניט שיקן מער קיין מבול. —
מיט אַכצן בלויע לירעס דעם יום-טוב זייט מקבל...

שטיינער אין כותל

אַ שטיין אין אַ שטיין — אין שטיינער פֿאַרשטיינט,
ביים כותל מערבי די וואַנט האָט געוויינט.
ווען דער בית-המקדש איז געוואָרן פֿאַרלענדט,
האָבן שטיינער מיט שטיינער זיך אייביק דערקענט.

אַ שטיין האָט קיין האַרץ — אַ שטיין איז פֿאַרשטיינט,
קאָנסט הערן אין שטיין אַ האַרץ דאָרטן וויינט.
„אויב איך וועל דיך פֿאַרגעסן, הייליקע וואַנט,
זאָל אָפּגעדאַרט ווערן מיין יִדישע האַנט".

דורך צוויי טויזנט יאָר פּליסט דאָס געוויין,
אַ יִדיש האַרץ שלאָגט אין יעטוועדן שטיין.
איצט שפּאַנען יִדן אַ גאַנצן מעת-לעת
צו דער שטראַליקער וואַנט פֿון זעקסטאָגיקן נס.

הינטער די שטיינער שטייען נביאים ביינאַנד,
זיי שטעקן די בערד פֿון דער שטיינערנער וואַנט.
אַ שטיין מיט אַ שטיין צוזאַמענגעשמידט —
אין יעדן שטיין קלאַפּט דאָס האַרץ פֿון אַ יִד.

מוטער רחל

איך בין געקומען צו דיין קבר,
מוטער רחל,
שוין דריי טויזנט יאָר איך גיי,
דורך בערג אוראַלטע,
און איצט בין איך דאָ ביי דיין קבר —
מוטער רחל! מוטער רחל!

דיינע טרערן האָבן דיינע קינדער
דורך דורות גערופן —
קינדער מיינע קומט אַהיים!
איצט שטיי איך ביי דיין קבר,
מוטער רחל, און איך וויין.

עס וויינט ניט מער דיין קול,
דו ביסט מער ניט אַליין.
יידן קומען צו דיין קבר —
געביין פון דיין געביין.

און איך, מלכה בת פריידע,
נעם אַרום דיך, מוטער רחל,
קוש דיין שטיין,
איך בין געקומען
צוריק אַהיים.

דער מאַנדלבוים בליט אין ישראל

דער מאַנדלבוים בליט אין ישׂראל —
קום, מיין טאָכטער, קום אהיים!
עס האָט פאַרזייט אים אין ישׂראל
דיין עלטער-זיידע אין געהיים.

ער האָט אַ מאַנדל דאָרט געפונען
טעם גן-עדן, זיס און גוט.
האָט ער אַ חלום אויסגעשפּונען,
פאַרזייט דעם קערן מיט זיין בלוט.

פון יענעם קערן אין דער ערד
אַ מאַנדלבוים איז אויסגעוואַקסן —
פון ישׂראלס זון גענערט,
פון טוי און פון רעגן-שלאַקסן.

ווי אַ כלה שטראַלט דער בוים,
אָנגעטאָן אין ווייסע בליטן.
פייגל זינגען אויפן קרוין
פון מאַנדלבוים אין ווייסע צוויטן.

די מאַנדלען וועלן זיך פאַרמערן,
קום, מיין טאָכטער, פאַרזוך דעם טעם.
עס וועט צו אייניקלעך געהערן
דער מאַנדלבוים פון זיידנס שטאַם.

אינהאַלט

I

ניגון 9
אויפֿן בוים פֿון מיין לעבן 10
דער ליכטבוים 11
אַ בוים 12
פֿיר מיך צום באַרג 13
שנייען אין ווינטער 14
אַ טייך מיט מעווער 15
דער רעגן־בויגן 16
נעם ניט צו 17
אַ פֿריש געשניטן פֿעלד 19
לעיק מאַהאָנק 20
ביים זון־פֿאַרגאַנג 21
מיין שטאַם 22
אין אַ כּישופֿדיקער זומערנאַכט 23
אַ ניגון אין וואַלד 24
דאָס לעצטע פֿינטל 25
די וויינענדיקע ווערבע 26
אונטערן נוסנבוים 27

II

אַ מאַמע וויינט 31
דער ליידיקער קויש 32
אין שפּיטאָל 33
אלמנות 35
אַ מענטש 36
דאָס חופּה־קלייד 37
ספֿרים פֿאַרלאָזטע 38
פֿאַר וואָס ? 39
געשפּענסט 40
דער יידישער פּאָעט 42
איידע מאַזע 43

די פאַרשעמטע מנורה 44
ערב שבת 45
שבת־ליכט 46
האַלט אײַן דײַן דונער 47
אין דײַן גן־עדן 48
מאַמע זון 49
צװײ טויבן 50
דער נײַער װעג 51

III

דער מאַמעס שטול 55
אין מושב־זקנים 56
אַלטע מאַמעס 57
דעם טאַטנס טיש 58
מײַן שטעטעלע מאָנאַסטריטש 59
ייִדן מײַנע 60
שבתדיקע מיידעלעך 61
מײַן מאַמעס יאַסיקל 62
דער באָבעס קיכעלעך 63
דער רעגן־טאַנץ 64
דער קינדערשער אָרקעסטער 65
די בלויע הוידלקע 66
אַ הויז 67

IV

אַזוי איז באַשערט 71
פאַראַן אַ טאָג 72
הײַנט איז שבת 73
אַ גוטע װאָך 74
דאָס אלמנה־קלייד 75
אונדזער זומער הייבט זיך אָן 76
דער גערשטן צייטיקט אויף די פעלדער 77
שבת־שירה 78
זאָל יעדער טאָג אַ יום־טוב זײַן 79

מאַמע ציון 83
דער ברענענדער דאָרן 84
אויפן פעלד אַ קוגל זאַמד 85
אויפן הר הכרמל 86
דער ייִדישער פישער 87
שאַגאַלס צוועלף פענצטער 88
בית־שלום־עליכם 90
דער יחוס־באַנד 91
הערצל־וואַלד 92
יום־העצמאות 93
דער בוים 94
גיטעלע פאָרט קיין ישראל 95
קלעפּ 96
שמים 97
זינג, מיין פאָלק 98
אַ מענטש אין געפּאַר 99
מאַמעס פון ישראל 100
אַ שמעטערלינג 101
צו מיין פאָלק 102
דער באָקסערבוים 103
בלויער ים־כנרת 105
שטיינער אין כותל 106
מוטער רחל 107
דער מאַנדלבוים בליט אין ישראל 108

ביכער פון מלכה לי

„לידער", ניו־יאָרק, 1932

„געזאַנגען", ניו־יאָרק, 1940

„קינות פון אונדזער צייט", ניו־יאָרק, 1945

„דורך לויטערע קוואַלן", ניו־יאָרק, 1950

„דורך קינדערישע אויגן", בוענאָס־איירעס, 1955

„אין ליכט פון דורות", תּל־אביב, 1961

„אונטערן נוסנבוים", תּל־אביב, 1969

„מעשׂהלעך פאַר יאָסעלען", תּל־אביב, 1969